## ביראָבידזשאַן: אַ מיראַזש פֿון אַ רעפּובליק

אין 1928 האָט די סאָוועטישער רעגירונג באַשלאָסן אויסצוטיילן אַ ווייניק־באַפֿעלקערטע טעריטאָריע פֿאַר ייִדישער איבערוואַנדערונג. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פֿון ביראָבידזשאַן, וואָס עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג אין ווײַטן מיזרח פֿון רוסלאַנד, אויף דער גרענעץ מיט כינע. די האָפֿענונג איז געווען אַז דאָרטן וועט זיך באַזעצן אַ היפּשע צאָל ייִדן, אָבער זי איז קיין מאָל ניט רעאַליזירט געוואָרן. ניט געקוקט אויף דעם, אין תּוך גענומען, דורכפֿאַל אויפֿצובויען אַ ממשותדיקן ייִדישן צענטער, האָט ביראָבידזשאַן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע ניט נאָר פֿון סאָוועטישע ייִדן, אָבער אויך פֿון די ייִדן אין אַנדערע לענדער, בפֿרט נאָך אַז טויזנטער פֿון זיי זײַנען געפֿאָרן צו בויען די ווײַט־מיזרחדיקע „ייִדישע מלוכה“ אָדער געשטיצט זי פֿינאַנציעל און עמאָציאָנעל. די געשעענישן אין ביראָבידזשאַן און אַרום אים זײַנען אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין קינסטלערישע, זשורנאַליסטישע און אַקאַדעמישע ווערק.

גענאַדי עסטרײַך, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך און אַ צאָל פֿאָרש־אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פֿון ביראָבידזשאַן, וועט רעדן וועגן די סיבות, וועלכע האָבן אין פֿאַרשיידענע יאָרן געשטערט דעם דאָזיקן פּראָיעקט. עס וועט אויך באַרירט ווערן דער איצטיקער – נאָך־סאָוועטישער – מצב פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי די טעריטאָריע הייסט זינט 1934.

## *Birobidshan: a mirash fun a republik*

*In 1928 hot di ssowetische regirung baschlossn ojsszutejln a wejnik-bafelkerte teritorje far jidischer iberwanderung. Asoj hot sich ongehojbn di geschichte fun Birobidshan, woss ekssisstirt bisn hajntikn tog in wajtn misrech fun Russland, af der grenez mit Chine. Di hofenung is gewen as dortn wet sich basezn a hipsche zol jidn, ober si is kejn mol nit realisirt geworn. Nit gekukt af dem, in toch genumen, durchfal ufzubojen a mamoschessdikn jidischn zenter, hot Birobidshan af farschejdene ojfanim geschpilt a wichtike role in der geschichte nit nor fun ssowetische jidn, ober ojch fun di jidn in andere lender, bifrat noch as tojsnter fun sej sajnen geforn zu bojen di wajt-misrechdike ›jidische meluche‹ oder geschtizt si finanzjel un emozjonel. Di gescheenischn in Birobidshan un arum im sajnen opgeschpiglt geworn in kinsstlerische, shurnalisstische un akademische werk.*

*Gennady Estraikh, woss hot ongeschribn a buch un a zol forsch-artiklen wegn der geschichte fun Birobidshan, wet redn wegn di ssibess, welche hobn in farschejdene jorn geschtert dem dosikn projekt. Ess wet ojch barirt wern der iztiker – noch-ssowetischer – mazew fun der Jidischer Ojtonomer Gegnt, wi di teritorje hejsst sint 1934.*